STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02271

VIFL EMUNES IZ FARAN AF DER VELT UN VELKHE IZ RIKH

A. A. Sukhov

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. א. סוכאוו.

וויפל עמונעס איז פאראן אף דער וועלט און וועלכע איז ריכטיקער.

איבערגעזעצט פון רוסיש
מ. שווארצמאן.

מלוכע־פארלאג פון אוקראינע
1925

גוב. ליטאגר. (אדעסע) № 5810
זאקאז № 876 — 3000 עקז.

„אדעספאליגראף“
ערשטע מלוכע-דרוקערײַ אין
נאמען פון קארל מארקס.
סטורדזאווע געסל, № 3-a.

וויפל עמונעס איז פאראן אף דער וועלט און וועלכע איז ריכטיקער?

דאס איז פארגעקומען אין אמעריקע, אין א יונגער, נאר שוין געדיכט באזעצטער שטאט. צוריק מיט א יאר צוואנציק האט זיך דא געצויגען א נאקעטער סטעפ. ערטערוויים זיינען געשטאנען הויכע בערג מיט געדיכטע וועלדער און דארט אונטער די וואלקענס, האבן געלעבט גרויע בערן און פארשידענע ווילדע באיעס. נאר ס'האט זיך געמאכט, אז מ'האט געפונען אין די בערג ארערן פון פארשידענע מעטאלן, און בא די פיס פון בארגרוקן האט מאן אנדעקט פלאסטן פון שטיינקוילן און דאס לאנד האט אויפגעלעבט. טיף אין דער ערד, אין די שטיינערנע בערג האט מען אין די שאכטן דורכגעגראבן לאנגע, פינסטערע קארידארן, אין, ווי מילבן, האבן מענשן אנגעהויבן דרייען זיך דארט טאג און נאכט. גיך ווי קראפיווע, איז אויסגעוואקסן איבער די שאכטן און מעטאלגראבנס נאך א שטאט מיט באוואוינטע הייזער, שיינקען, שאנד-הייזער, קינא און אנדערע

פארוויילונגס=ערטער. דארט פלעגן די בארג=ארבעטער פארברייגגן די פרייע צייט, און מיד פון דער שווערער ארבעט, פון וועלכער ס׳האט געבראכן דער גאנצער קערפער, האבן זיי דערשטיקט די צארעס מיט וויין און מיט זינד.

ס׳האט זיך געקענט אויסדאכטן, אז אלע פעלקער האבן זיך צונויפגענומען אין דער דאזיקער שטאט, וואס איז געווען שווארץ פון קוילן=שטויב און אזוי טאקי האט מען זי גערופן— „די שווארצע". ס׳פארשטייט זיך, דא זיינען געווען איבערהויבט אמעריקאנער און ענגלענדער, נאר ס׳האבן זיך דא אויך געפונען פיל שפאניער, איטאליענער, גרעקן און אידן. דארטן האט מען אויך געקאנט באמערקן בלאנדע שוועדן, נארוועגער, דענער. ס׳איז געווען ניט ווייניק רוסן און אויקראינער, אויך טונקלע אינדוסן און אראבער, גאר שווארצע נעגערן, רויטע אינדיאנער און געלע כינעזער. מיט איין ווארט, דא האבן זיך צונויפגענומען אלערליי הויט=פארבן און שפראכן, וואס זיינען פאראן ערגעץ וואו אף דער ערד. איבער דעם פילפארביקן און פילשפראכיקן ערעוו=ראוו האט געהערשט אן א גרענעץ דער קייסאר — קאפי=טאל. די באלעבאטים פון די שאכטן האבן אליין געהאלטן די קלייטן, די שיינקען און די שאנד=הייזער. אויסצאלענדיק מיט איין האנט די ארבעטער דאס קארגע פארדינסט, האבן די באלע=באטים זיך געאיילט גיכער דאס צוריק צונעמען און דערביי פארפלאנטערט זייערע קנעכט אין נעץ פון שיקרעס און זינד.

אין דער „שווארצער שטאט", צווישן די פילשטאקיקע קאזארמעס פאר די ארבעטער, האט מען אף גיך אוסגעבויט טעמפלען פאר פארשידענע עמונעס. כוץ קריסטליכע קלויסטערס און געבעט=הייזער, האט מען דא געקענט געפינען א מעטשעט פאר טאטערן, א אידישע שול, און אפילו א טעמפל פאר געצענדינער מיט גרויסע און קליינע אפגעטער. ס׳איז מערקווירדיק, וואס די

אלע טעמפלען זיינען געווען אופגעשטעלט פון דערזעלבער קאמפאניע קאפיטאליסטן, וועלכע האט געהאלטן די שיינקען מיט די שאנד-הייזער. פון איר האבן באקומען געהאלט דער גאלאך מיט דער גרויער בארד, דער געגאלטער קסיאנדז, דער פאסטאר, דער מוללא, דער ראוו און דער קיוען פון די געצענדינער. דער קאפיטאל איז פעסט געשטאנען פאר פאלקאמענע פרייהייט פון גלויבן. עמעס, די איינוואוינער פון דער שטאט פלעגן גיין אין די קלויסטערס ניט אזוי אפט ווי אין די שיינקען, נאר דאך פלעגן זיי אהין קומען. איבערהויפט האבן די פרויען זיך געהאלטן פרומער, ווי די מאנסבלן און די אלטע לייט פרומער, ווי די יונגע.

איינמאל, אפדערנאכט האבן געהוליעט אין טראקטיר „גאלדענע רודע" גאר אסאך ארבעטער. אף די טישן זיינען געווען אנגעשטעלט פלעשער מיט פארשידענע סארטן בראנפן, אמעריקאנער (וויסקי, דזשין) און פיל אנדערע מאשקאעס. דעם בינעזער האט א געשיקטער דינער אפילו געבראכט זיין געליבטן כא:שין. די לופט אין טראקטיר איז געווען א שטינקנדיקע, כאטש אלע פענסטער זיינען געווען אפן. א פרישער מענש וואלט טייקעף שיקער געווארן פון דעם רייאך פון וויין. צוליב די געדיכטע וואלקנס פון טאבאק-רויך האט מען נאר ניט געקענט זעען אף א שעטאך פין דריי טריט. מ'האט געזינגן, געשריען, געזידעלט זיך אף אלע שפראכן.

פלוצלינג האט זיך דערהערט אף דער גאס הילכעדיקע מוזיק. מ'האט געשפילט עפעס א וואוילערישן מיליטער מארש, געשפילט מיט א גרויסער קראפט און מיט איינגעשפארטקייט. אלע אין טראקטיר, וואס האבן נאך געקענט שטייען אף די פיס, האבן זיך א ווארף געטון צו די פענסטער און דערזעען א געדונגענעם ארקעסטער, און נעבן אים א רעדל ריין געקליידעטע

מאנסבלן און פרויען. צווישען זיי האט מען געקאנט באמערקן א הויכן אלטן מאן, א געגאלטן אין א לאנגן סערדעט מיט א ווייסן האלזטוך און קיילעכדיגע ברילן.

— וואס פאר א הינטישער ליארם איז דארט אונטן? — האט זיך צעשריען אין פענסטער אריין א שיקערער ארבעטער: — צי אלדע-שווארץ-יאר, ניט גערדאכט זאלט איר ווערן, וואס הויבט איר אויף אזא געוואלד? צו אלדע רוכעס, טראגט זיך אפ פון דאנעט, קאל זמאן איר זייט גאנץ! — און ער האט אויפגעהויבן דאס שווערע קריגל, גלייך ווי ער וואלט עס געוואלט ווארפן אין דער באשעוועך קאמפאניע.

דער ארקעסטער איז שטיל געבליבן, און אף זיין ארט האט זיך דערהערט דאס סקריפענדיקע קאל פון דעם אלטן:

„ברודער מייגער, דערמאן זיך; אי דו און דיינע ברידער, דארט אויבן, איר אלע געפינט זיך אין די הענט פון דעם טייוועל, וועלכן דיין צונג, דער באלאוויירעניק, האט ערשט דערמאנט. מיר זיינען געקומען אהער מאצל זיין אייערע נעשאמעס פון אומקו-מען מיט דער הילף פון גאט — דעם פאטער, גאט — דעם זון און גאט — דעם הייליקן גייסט. ווער ס'וויל ניט ברענען אין גענעם, ווי דאס פייער ווערט קיינמאל ניט פארלאשן, און די ווערים שטארבן ניט; ווער ס'האט מוירע פאר דעם גענעם, גייט אוועק פון דעם טראקטיר צו אונז, אין הויז פון דער רעטונגס-ארמיי. אף דעם ארט פון דעם גיפטיקען וויסקי וועט איר דארט טרינקען די וואסער פון דעם אייביקן לעבען. אונזער אדרעס: עק וואשינג-טאן, און ראקפעלער-גאס, אנטקעגן דעם קינא, „דאס פרייליכע מיידל". געבעט-הויז „אנקער פון עמונע". פארזאמלונגן און דראשעס אין דערוואכן אלע טאג פון 6 ביז 8 א זייגער פארנאכט, זונטיק און יאמטעוו פון 10 ביז 12.

דער אלטער האט געגעבן א ווינק צום ארקעסטער. ס'האט

מיר זיינען געקומען אהער מאצל זיין איערץ געשאטעם פון אומקומען מיט דער הילף פון גאט—דעם פאטער, גאט—דעם זון און גאט—דעם היילקן גייסט.

ווידער אנגעהויבן הילכן א מארש, און די נעשאמע-רעטערס האבן אנגעהויבן גיין לייטיש און בעקאווערדיק צום צווייטן טראקטיר אונטער אלגעמיינעם געלעכטער און שארפע ווערטלעך פון די שיקערע בארג-ארבעטער.

„נו, אמעשוגענער, ווערם אים אין דעם לעבער", האט אנגעהויב דער רויטער אין קלייענדיקער אירלענדער כאגען: „כ'האב ניט ליב קיין דראשעס אין טראקטיר. אין קלויסטער—א דראשע און אין שיינק—דער קאס. דערצו איז די רעטונגס-ארמיי פיל מיט דורכגעטריבענע אפיקארסים. אז איך וועל מיר וועלן קויפן איילעמאבע, וועל איך גיין צום עמעסן גאלאך, צום קאטאלישן. נאר דערווייל איז נאך צו פרי טראכטן פון אזעלכע זאכן: אין די יונגע יארן דארף מען פרייליך זיין, אף דער עלטער—גאט בעטן".

"ביזט א פרייליכער יונגאטש, ווי איך זע, נאר א טיפעש".

—האט באמערקט דער שווער פעטערסען, א לאנגער ווי א שטעקן, מיט האר ווייסע ווי לייוונט און אן שום בערטל: איר, אירלענדער, שפאניער, איטאליענער און נאך אזעלכע גרויסע נאראנים, האלט איך זיך נאך אלץ באם רוימישן פויפסט, בא אייער קירכן-קייסער מיט די קירכן-מיניסטארן די קארדינאלן, מיט א גאנץ באיל פון געגאלטע גאלאכים און מאנאכן. זיי נארן אייך, און איר גלויבט זיי. די עמעסע עמונע האט געבראכט אף דער ערד אין דער אמאליקער צייט קריסטוס, די פויפסטן אבער האבן זי קאליע געמאכט. נאר לוטער און קאלווין און אונזערע לערער האבן צוריק אויפגעשטעלט דאס עמעסע קריסטנטום, דעם פראטעסטאנטיזם. דער דאזיקער אלטער פויגל מיט דעם ארקעסטר איז אוודע א ליגן, נאר ער איז א פראטעסטאנט און איז דערמיט שוין בעסער פון דיין געגאלטן ניט באווייבטן קסיאנדז. דער מאכט געווים קוצעניו-מוצעניו מיט אייערע פרויען און טעכטער,

ווען זיי קומען צו אים ווידו זאגן, און איר, נאראנים, זייט בלינד און באמערקט גארניט. היי, באגען, שפיי קלעק אף דיין פויפסט און גיי איבער צו אונז.

—גוט אנגעהויבן נאר שלעכט פארענדיקט,—האט אנגעהויבן א אוקראינער קאוואון, אן עלטערער מענש מיט גרויע האר, רואיק און פאמעליך, ס׳איז אים נאך שווער געווען ארויסצורעדן די פרעמדע ענגלישע ווערטער: „די פויפסטן זיינען אפיקארסים, און זיי האבן קאליע געמאכט דאס קריסטליכע גלויבן, דאס איז עמעס. דער פויפסט האט זיך ערקלערט פאר א מענשען, וואס ווייסט ניט פון זינד און דאס וואס ער זאגט, רעכנען די קאטא־ליקן פאר געטליכע ווערטער. כאטש ער איז א בישאף און א פאטריארך, נאר אפגעבן אים קאוועד גלייך מיט גאט איז א גרויסע אוויירע. די פראטעסטאנטן, בא אונז אין אוקראינע, די באפטיסטן און די שטונדיסטן האבן גלייך געטון, וואס זיי האבן זיך אפגעזאגט פון דעם פויפסט. נאר זיי טוען אנדערע אוויירעס: זיי אכטן ניט די הייליקע ביינער און די איקאנעס, זיי לייקענען אין די הייליקע סוידעס, זיי בוקן זיך ניט צו די הייליקע און צו גאטס־טוטער. פעטערסען, פעטערסען, איך האב דיך ליב, ביזט א הארציקער מענש, נאר דו וועסט ברענען אין גענעם אינאיינם מיט ליוטער און קאלווין. קער דיך אום צו אונז, איידער ס׳איז נאך שפעט, און דו, באגען, קום־מיט מיט פעטערסען. אונזער גלויבן איז דער עמעסער!

„בא־בא־בא, די צוילעמניקעס קריגן זיך, די קריסטן בייסן זיך", האט זיך צולאכט דער שניידער ראזענבערג, א סוטולע־וואטער איד מיט אן איינגעפאלענער ברוסט, וואס האט געטרינ־קען מיט די בארג־ארבעטער: „ס׳איז טאקע קעריי. זיי האבן בא אונז גענומען די טוירע און די נעוויאים, וואס לערנען אונז גלויבן אין דעם איינציקן גאט, און האבן זיך אויסגעטראכט נאך צוויי

געטער און נאך אזוי װאָסערע... איינער איז א מאמזער פון א אי=
דישקע מיריאם און א ניט באוואוסטן פאטער. רעדן האט דער
ראזיקער יעזוס געקערט ניט שלעכט, נאר ער האט אלץ גענומען
בא אונזערע נעוויאים און אויך בא די גרויסע ראבאנים הילעל
און גאמליעל. אבער צו וואס האט ער נעדארפט זאגן, אז ער
איז מאשיאך? נו האט מען אים טאקע געפאקט, געהאנגען און
באגראבן און אן עק. האט איר אבער אויסגעטראכט, אז ער איז
גאטס=זון, אז ער איז לעבעדיק געווארן און אף דעם הימל ארויף.
נו, באטראכט אייך אליין: ווי אזוי קען גאט האבן א זון פון א
פרוי.

— ער האט דען א גוף און אלצדינג ווי א מאנסביל? איר זאגט
דאך אליין, אז ער איז א גייסט. און זיין אויפשטיין טביעס=המייסעם
און זיין ארויף אפן הימל, האט דאך קיינער ניט געזען, בויץ
זיינע טאלמידים, וועלכע האבן אווארע געקענט טאקע דערציילן,
וואס זיי האבן געוואלט. אבער גלויבן אזעלכע פוסטע מאיסעם
קען נאר א מענש מיט אן איבערגעקערטן מויאך, ווי דו, קאוואון,
אדער ווי איר פעטערסען און כאגען. דער דריטער גאט איז נאך
בעסער — דער הייליקער גייסט אין געשטאלט פון א פויגל. נאר
וואס איז דא צו רעדן, מיריאם איז דאך אויך בא אייך א געטן,
באזונדערס בא די קאטאליקן. דעם עמעסן גאט מאכן די קאטא=
ליקן אפילו ניט קיין טעמפל, און די מאדאנע, — גאט=מוטער,
האט קלויסטערס אן אן עק. דריי געטער און א געטין דערצו.
אפן ארט פון איין גאט, דאס הייסט, בא די קריסטן איינגאטיג=
קייט. און איר גלויבט נאך, אז מיט דער קריסטליכער קירכע
פירט אן דער הייליקער גייסט אליין. דערפאר טאקע, ווייזט אויס,
האט איר זיך צעטיילט אף — קאטאליקן, פראוואסלאווניע, פראָ=
טעסטאנטן, גרעגאריאנער א. ז. וו. א. ז. וו. טיפשים! פערד!
דער עמעס איז נאר בא מוישע ראבײנו, וואס גאט האט אים

געגעבן די טוירע אף דעם בארג סינאי, בא די נעוויאים און בא די גרויסע ראבאנים די באאליי געמארע און מעדרעש

„שְׁמַע יִשְׂרָאֵל יְהוָֹה אֱלֹהֵינוּ יְהוָֹה אֶחָד׳.

בא איין, אידן איז דער עמעס, נאר ניט אינגאנצן, — האט זיך ארייגגעמישט איינער פון די גיכטערניקעס, א שלאנקער ארא־בער אמאר: — גאט איז איינער, ניט א דרייגעשטאלטיקער, ער האט ניט איינמאל באוויזן זיינע אויסדערוועלטע בעלאקים פון עמעס. אי אדאם האריש ן, אי נויאך, אי אווראם, אי מוישע, אי יעזוס. — אבער דעם גאנצן עמעס האט מעקאבל געווען נאר דער גרעסטער נאווי און דאס ריינסטע פון גאטס־באשעפעניש — מאבאמעד. די מוטער האט אים געבוירן אן ווייטיקן, און טייקעף, ווי ער איז געבוירן געווארן האט א שיין פונם הימל באלויכטן די גאנצע וועלט. די ערד האט געציטערט, די טייכן זיינען ארויסגעטראטן פון די ברעגן. און אלע געצן־טעמפלען זיינען די אפגעטער אראפגעפאלן פון זייערע טומבעס און צעבראכן זיך אף שטיקלאך. און דאס וואונדערליכע קינד האט אויפגעהויבן די אויגן צום הימל, וואס האט אים אראפגעשיקט מאצל צו זיין די וועלט, און האט א געשריי געטאן: „גאט איז גרויס, ניטא קיין גאט כוץ גאט, און איך בין זיין נאווי". „פיל ניסים האט געטאן מאבאמעד. אפילו די שטערן פונם הימל האבן אים געדינט. מא־כאמעד האט באפוילן, האט זיך די לעוואנע אראפגעלאזט צו אים אין איין ארבעל און ארויס פונם אנדערן. ניט אויסגעטראכט, ווי בא יעזוס, אונזער נאווי, איז טאקע בעעמעס ארויף אף דעם זיבעטן הימל. און דארט האט ער געזעען אונזער הייליקן בוך, דעם קאראן, וואס אללאך גאט האט פארשאפן נאך פריער, איידער די וועלט איז באשאפן געווארן. און מאכאמעד האט דעם בוך איבערגעלייענט און האט נאכדעם דעם הימלישן קאראן ווארט בא ווארט איבערגעשריבן אין דעם ערדישן קאראן. אויך

איר, אידן, און איר, קריסטן, זייט מענשן מיט ספארים, נאר אונזער קאראן איז עמעסער סיי פון דער טוירע, סיי פון דער עוואנגעליע. איר, קריסטן, זייט אריינגעפאלן גאר אין א גרויסן טאעס דערמיט, וואס איר האט געמאכט יעזוסן פאר א גאט און איר בוקט אייך צו דעם צייליעם, וואס האט געדינט פאר א מיטל איבערצוגעבן די פארברעכער צור שענדליכן טויט. אז די וועלט וועט זיך ענדיקן, און ס'וועט קומען דער יוים-האדין, וועט יעזוס אליין אראפפליהען אף דער ערד און צעבויעכן אלע צייליעמס. טוט זשע טשווע, פארבלאנדזשעטע, גייט איבער צום איסלאם (צום גלויבן פון מאכאמעד), און איר וועט אריין אין גאנאיידן אייביק שעפן פארגעניגן פון עסן און טרינקען און פון די הימלישע בסולעס—די גוריעס. אויב ניט וועט איר אריינפאלן אין די הענט צום טאבעק, דעם הער פונם געהענעם, וואס לאזט קיינעם ניט ארויס. ס'איז ניטא קיין גאט כוץ גאט, און מאכאמעד איז זיין נאווי".

— „נו האט ער זיך אביסל צערעדט. אקוראט, ווי די רעטונגס-ארמיי". האט זיך אנגעצינדן מיט א גיפטיקער סינע א צווייטער פון די ניבטערניקעס, א פערס, וועלכער האט געצויגן מיט די ציין דורך א שטרוי קאלטן לימאנאד: איר, מאכאמעדאנער, זייט עמעסע בייזע וועלף, מיט פייער און שווערד זייט איר דורכגעגאנגען דורך אזיע און אפריקע. אונזער שיין לאנד, פערסיע, האט איר אויך כארעוו געמאכט. און דאס אלץ אין נאמען פון אייער פאלשן גלויבן. מוישע, יעזוס און מאכאמעד זיינען געווען אלע דריי די גרעסטע שווינדלער, און זייערע גייסטלאכע —די גרעסטע גאזלאנים אף דער גאנצער וועלט. ניט אזעלכער איז געקומען אף דער וועלט אונזער זאראאסטער. ער איז געבוירן געווארן ניט פונם אומריינעם זאמען פון א מאנסביל, ווי מוישע, יעזוס און מאכאמעד. זיין מוטער, א בסולע, איז מעאובערעס

געוואָרן מיט אים פון א שטראַל פונם הימל. באַם געבורט האָט ער ניט געוויינט, ווי אַנדערע קינדער, ער האָט געשמייכלט און געפרייט זיך. די בייזע רוכעס, וואָס זיינען געשיקט געוואָרן פון זייער הערשער אַרימאַן, האָבן געפּרוּאווט פאַרדאַרבן דאָס וואונ= דערליכע קינד, נאָר זיי האָבן ניט געקענט. אַז ער איז אַלט גע= וואָרן 7 יאָר, איז ער שוין געווען קלוגער פון אַלע מענטשן אויף דער וועלט, און צו 30 יאָר איז ער געוואָרן א נאָווי. דער הימ= לישער גייסט וואָגו=מאַנו האָט אים געבראַכט צום ליכטיקן באַ= שעפער און הער פון דער יוועלט אַרמוזד. און דאָרט האָט זאַראַ= אַסטר מעקאַבל געווען פון גאָט אַליין די אַוועסטו, די הייליקע טוירע, וואָס ער האָט אָנגעשריבן פאַר די מענטשן. דער הערשער פון דער פינסטערניש, אַרימאַן, האָט געפּרוּאווט איבעררעדן דעם הייליקן מאַן, צוגעזאָגט אים אַלע אוצרעס פון דער וועלט, אַז ער זאָל דינען אים, ניט אַרמוזד'ן, נאָר אומזיסט. זאַראַאַסטר איז געבליבן אויף דעם עמעסן וועג און אויף דעם וועג האָט ער גע= פירט אונז, די פּערסן. נאָר אַרימאַן איז ניט געשלאָפן, ער האָט געשיקט אין דער וועלט אַריין מוישע'ן, יעזוס'ן און מאַכאַמעד'ן. יעזוס'ן האָט ער אומיסטן געמאַכט ענליך צו זאַראַאַסטר'ן. לייענט איבער די יעוואַנגעליע. אַלץ, וואָס דאָרט ווערט דערציילט פונם געבורט און.פונם לעבן פון יעזוסן, איז פּאַשעט איבערגעשריבן פון אונזערע הייליקע ביכער: אי דער וואונדערליכער געבורט, אי די יונגע קלוגשאַפט, אי דער רואַכהאַקוידעש פונם הימל, אי דער ניסאַיען מיטן סאַטן. וואַרט זשע נאָר אויס, דינער פון אַרימאַן, ס'וועט קומען אויף דער וועלט דער צווייטער מאַשיאַך— סאַאשיאַנט, וואָס וועט געבוירן ווערן פון א בסולע, ווי זאַראַ= אַסטר, און ער וועט מישפּעטן די מענטשן. מאַכאַמעד'ן, יעזוס'ן און מוישע'ן וועט ער צעטרעטן, ווי א אומריינקייט. פרייט אייך, קנעכט פון די רוכעס, וואָס איר דינט זיי, אַרמוזד איז ניט יע=

האווא, ניט דער קריסטליכער גאט — דער פאטער, ניט אללאך. אז איר וועט אפקומען פאר אייערע זינד אין געהענעם און כאראטע האבן, דערמאלט וועט איר און די בייזע רוכעס, און אריאמאן אליין — אלע וועט איר באקומען אוילעמאבע. מיר ווייסן, אז דער עמעסער גוטער גאט וועט ניט לאזן, אז מע זאל זיך אייביק מוטשען. לויט דעם אייביקן אפקומען פאר די זינד קען מען טייקעף דערקענען, אז אייערע עמונעס קומען ארויס פון אריאמאן — דעם קייסער פון די רוכעס".

אין דער צייט איז אין טראקטיר אריינגעקומען אן אלטער כינעזער, א ארימאן מיט א קריגל אין דער האנט. שטארק פארוואונדערט פון דער אומגעוויינליכער רעדע צווישן די בארגארבעטער איז ער געבליבן שטיין אפ'ן ארט, ווי פארגליווערט, און האט אנגעהויבן אויפמערקזאם צוהערן זיך צו דער קריגעריי וועגן דער עמונע, גוטמוטיק שמייכלענדיק פון צייט צו צייט. נעבן אים, גלייך, ווי ארויסגעוואקסן פון דער ערד, האט זיך אנידער געשטעלט אן אנדער ארימאן, א אינדוס מיט א אויסגעמוטשעטפאנעם. אז דער פערס האט פארענדיקט, האבן דער כינעזער און דער אינדוס אנגעהויבן רעדן, איינער נאך דעם אנדערן:

— ניין, ניין, דאס האט מען גענומען בא אונז... דאס איז געווען מיט בודדא... דאס האט זיך געטראפן מיט קרישנען... בודדא איז געבוירן געווארן פון דער בסולע מייאי... קרישנא איז געבוירן געווארן פון א בסולע אין שטאל, און אף דעם ארט, וואו ער איז געבוירן געווארן, האט זיך אנגעצינדן א שטערן און פאסטוכער זיינען געקומען און האבן זיך געבוקט צו אים..."

פון אונטער זיין טישל איז אונטערגעשפרונגען א אינדיאנער און האט אנגעהויבן שרייען וועגן זיין גאט, דעם גרויסן גייסט מאניטו, די נעגערן האבן געשריען וועגן די געטער פון דעם ווילדן אפריקע. ס'איז געווארן אזא געשריי, אז מ'קען זיך גאר ניט פאר-

שטעלן. אלע האבן געשאקלט מיט די קריגלאך, עמיצער האט אפילע ארויסגעכאפט א מעסער. דער שיינקער האט זיך אווארף געטון צו דער טיר און האט זי פארשטעלט מיט זיין גראבן גוף, אז קיינער זאל ניט קענען ארויסגיין. „דער רואך זאל אייך נע־מען מיט אייערע געטער צוזאמען. באצאלט טייקעף פאר׳ן טרינ־קען און פארבייסן. ס׳וועט ווערן א געשלעג, וועט מען זיך צע־הארגענען און צעלויפן, און מיינע קאפיקעס וועלן זיין פארפאלן״.

נו, נו דושים, קאך דיך ניט אזוי, דיין פארדינסט וועט ניט פארפאלן ווערן״—האט געזאגט דער אוקראינער קאוואון: „מען וועט א ביסל שרייען, דערנאך וועט מען זיך בארואיקן, נו, און די, כאווער סמירנאוו, וואס שוויגסטו, וואס זאגסטו ניט, וואו דער עמעס איז. מ׳זאגט, אז איידער דו ביזט אריין צו אונז, אין שאכטע האסטו אסאך אליין געלערנט און געלערנט אנדערע מענשן. נו, זשאלעווע ניט די צונג און שנייד די ״מאמע־עמעס״.

דער כאווער סמירנאוו, א מאשיניסט, א ארבעטער מיט א קלוג מאגער פאנים, איז טאקע די גאנצע צייט געזעסן און זיך נאר צוגעהערט צו די רואיקע, א מאל שטורמדיקע רייד פון די אנהייבנער פון פארשידענע עמונעס, און אליין ניט ארויסגעלאזט קיין איין ווארט. איצט זיינען אלע צו צו אים: באגען, פערמערסען, אמאר, און ראזענבערג. „ווארט אויס כא־וויירים, מיר׳ן נאר כאפן א קוק, צו איז דא ניטא דעם באלע־באס מענטשן אדער מאסטערס, וואס קענען דערציילן דער אדמיניסטראציע״.

—ניין, דא זיינען אזעלכע ניטא, האב ניט קיין מוירע, סמיר־נאוו און דו, דושים, שווייג אויך, זאל קיינער ניט וויסן, וואס מ׳רעדט דא. אויב ניט, פארשטייסטו וועלן מיר גייען טרינקן אין אן אנדער טראקטיר, און אונזערע דאלארן וועלן ארייגפאלן אין א אנדערע קעשענע. נו, סמירנאוו, ארויס מיט לאשן.

„גוט, גוט, איך ווייס נאר ניט, פון וואס אנצוהייבן און אף וואס צו ענטפערן. דערצו זייט איר דאך, ברידערלאך, קימאט אלע שיקער".

— „נישקאשע", האט אים בארויקט קאוואון, „בא אייערע קאצאפעס איז דאך פאראן א ווערטל: ווער ס'איז שיקער און קלוג—איז אין צוויי גוט. זאג קוידעם קאל, וויפל עמונעס איז פאראן אף דער וועלט, און וויפל מענשען גלויבן אין יעדער עמונע? איך וועל דיר זאגן דעם עמעס, ביז היינט פארנאכט האב איך גאר ניט געוואוסט אז ס'איז דא אף דער וועלט אזוי פיל עמונעס".

— „כא-כא-כא דו, קאוואון, האסט לאנג געטראכט און מיט א מאל געשטעלט צוויי גרויסע פראגן. וויפל עמונעס איז פאראן אף דער וועלט, קען איך דיר פינקטליך ניט זאגן, כ'מיין, אז קיינער קען עס ניט זאגן, נאר ס'איז געוויס פאראן עטליכע טויזענט. דאס איז איצט, נאר א סאך עמונעס זענען פארשווינדן געווארן, און אייניקע האבן אפילע קיין שפור ניט איבערגעלאזן. אלע עמונעס זיינען גלייך דערמיט, וואס יעדע עמונע לערנט, אז נאר זי אליין איז די עמעסע און די איבריקע פירן אין שאלטאכטיע אריין. זיי זיינען אבער ניט גלייך מיט דער צאל פון די גלויביקער. אף דער וועלט איז פאראן 16 מאל צו הונדערט מיליאן מענטשן. צוליב פאשעטקייט וועלן מיר אננעמען, אז פון יעדער הונדערט מיליאן מענטשן איז געווארן איין מענטש, דעמאלט וועט די מענשהייט באשטייען פון 16 מענשן; און יעדער וועט זיי קענען גרינג איבערציילן אף די פינגער, אויב ער וועט נאר אויסטון די שיך. אין אט פון די דאזיקע 16 מענשן זענען 6 קריסטן, 2 מוסעלמאנער, 2 אינדוסן, 4 בודדיסטן און 2 פון אנדערע עמונעס. עמעס, צוליב פאשעטקייט, האב איך אלע קריסטן צונויפגענומען אין איין בינטל, דאס אייגענע האב איך געטון מיט

די מוסעלמאַנער, אינדוסן און בודדיסטן. אין עמעסן איז דאָס קריסטנטום שוין לאַנג צעפאַלן געוואָרן אף קאַטאָליקן, פראוואָסלאַוונע, אַרמיאַנאַ-גרעגאַריאַנער און פיל הונדערטער פראָטעסטאַנטישע סעקטעס. די פּראוואָסלאַוונע פון זייער זייט, האָבן זיך צעטיילט אף דער לעבעדיקע קירכע, טויטע קירכע, פאַראיין פאַרן אויפלעבן פון דער קירכע, איינגלויביקע, ראַסקאָלניקער מיט גאַלאַכים און אַן גאַלאַכים. בעקיצער, אַלע וועלן מיר ניט איבעררעכנען אַפילו ביז מאָרגן. צווישן די קריסטן איז מער פון אַלעמען פאַראַן קאַטאָליקער, אַקוראַט האַלב. דער פּויפּסט מיט די קאַרדינאַלן האָבן לאַנגע און קלעפּיקע פינגער. אף פאַרשידענע סעקטעס טיילן זיך אויך די מוסעלמאַנער, בודדיסטן און אינדוסן. נו קאַוואַון, דאַכט זיך, אף דיינע צוויי פראַגן האָב איך שוין דערוויילע געענטפערט".

— יאָ, מיין פריינד, ס'איז אָבער געבליבן בא מיר צונגעגרייט אַ דריטע פראַגע, די גרעסטע. ס'האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז דו האָסט זי אַליין אַנגעהויבן שטעלן: וועלכע זשע איז פון די עמונעס טאַקע די ריכטיקסטע?"

— וועלכע?

— קיין איינע ניט.

— „וואָס הייסט קיין איינע ניט?" האָט זיך אויפגעהויבן אַ טומל פון אַלע זייטן: „דערוויז עס, גענוג פּאַשעט פלוידע-ן."

— האָט צייט, וואַרט, איילט אייך ניט; אַלץ אין זיין צייט. ערשטנס לאָמיר אַ קוק טון וועמען ברייננגן נוצן די עמונעס? פריער פון אַלעמען די גייסטליכע. ניט אַרבעטנדיק, לעבן זיי אָפּן כעשבן פון פרעמיע אָט דאָ איז עס אין עמעטן, זיי זייען ניט און שניידן ניט, נאָר דער טאַטע פון הימל האָדעוועט זיי, אַלץ איינס, ווי מ'רופט אים: אַללאַך, יעהאָווע, בודדאַ, אַרמוזד אָדער גרויסער גייסט. צווייטנס, דער-

מאנט אייך, ווער האט בא אונז אין שטאט אויסגע־ בויעט אלע קלויסטערס, שולן, טעטשעטן און די איבריקע טעמפלען. דערמאנט אייך ווער צאלט געהאלט אלע גאלאכים און אלע גייסטליכע, נו, כאגען, קאוואן, פעטערסען... ענטפערט.

—„ס'פארשטייט זיך, די באלעבאטים, בא אונז איז אפילע קיין געלט ניטא ווי עס באדארף צו זיין אויסצו־ טרינקן, ווי זשע קענען מיר נאך בויען קלויסטערס און אויס־ האלטן גאלאכים".

— גערעכט, און ווי מיינט איר, די באלעבאטים האבן שטארק ליב ארויסצוווארפן געלט אן טאכלעס?

—„ניין, דער רואך זאל זיי נעמען. זיי ווען גיכער אפגעבן דעם מייזל די נעשאמע איידער א ארימאן א גראשן."

—„אווארע גערעכט. דערמאן דיך איצט, ראזענבערג, ווי זאגט יושעיע הנאווי: דער אייזל קאן די קארעטע פון זיין באלעבאס." אז די גייסטליכע באקומען געהאלט פון די באלעבאטים, וועלן זיי עפעס רעדן קעגן זיי."

— אט דא ביסטו ארייגעפאלן ווי אבלינדער פערד אין גרוב אריין, האט זיך אויך ארויפגעכאפט קאוואן. ס'ווייזט אויס, דו ביזט שוין לאנג ניט געווען אין קלויסטער און ניט געלייענט די עוונגעליע. וואס זאגט די עוואנגעליע? דער ארימאן וועט האבן יענע וועלט, אבער דעם רייכן איז אזוי שווער אהין צוקימען ווי דעם קעמעל דורכגייען דורך א לעכל פון א נאדל. לאזער דער בעטלער וועט זיין אין גאניידן, און דער רייכער אין גענעם. דער פאטער איוואן דארשנט אונז די גאנצע צייט אזעל־ כע זאכן, און גיט אונז אייצעס, אז מיר זאלן דא ליידן און ניט מאכן קיין שטרייקן קעגן די קאפיטאליסטן, קעדיי מיר זאלן בא־ קומן געצאלט אף יענער וועלט."

— „דיין גאלאך איז נערעכט", האט געזאגט דער כינעזער: „אין אונזערע שריפטן איז פאראן אזא מאיסע. אף יענער וועלט זיינען געקומען צו בודדאן א גרויסער פעלדמארשאל און א ארימער פויער. ביידע האבן געזאגט, אז זיי זיינען מיד פון זייער ארבעט. דער לערער האט א שמייכעל געטון און האט געהייסן דעם מאלאך ביידע אפפירן זיך אפרוען. דער מאלאך האט געפירט ביידע נעשאמעס און האט באזעצט די נעשאמע פונם פויער אין א גרויסן בארג, און די נעשאמע פונם פעלדמארשאל אין א קליין זעמדל בא די פיס פונם בארג. די באשיידענע וועלן דערהויבן ווערן אפן הימל. גערולד איז די ערשטע מיצווע.

— „אך נאראנים, האט זיך סמירנאוו צעלאכט, איר זעט דען ניט, ווי אזעלכע דראשעס, סיי אין אמעריקע סיי אין כינע, זיינען נוצליך פאר די רייכע. איר וועט טראכטן פון יענער וועלט און וועט אין טיינעם ארבעטן אף די קאפיטאליסטן. איר וועט נאך עפשער אייערע קינדער אויך לערנען זיין שטיל און אונטערטעניק ווי די שעפעלאך. און די באלעבאטים וועלן זאמלען געלט דא אף דער ערד און וועלן פארן רייטנדיק אף אזעלכע טיפשים, ווי איר".

— נישקאשע, נישקאשע, אף יענער וועלט וועלן מיר זיך אפרעכנען מיט זיי מיט גליענדיקע קוילן".

— „גוט געזאגט, און פונגוואנעט ווייסט איר, אז ס'איז פאראן א יענע וועלט? ווער איז דארט געוועזן און זיך אומגעקערט צוריק? ווי מיינט איר, די גאלאכים אליין סטארן זיך שטארק אף דעם סמאך לעבן אין ארימקייט. קדיי צו באקומען אוילעמאבע? מיר דאכט זיך אז זיי גלאצן די אויגן צום הימל און זוכן אף דער ערד... באזונדערס טוען אזוי די העכערע גייסטליכע פון אלע עמונעס, פארשידענע פויפסטן, פאטריארכן, ארכיערייען, מוסולמאנישע שייכ-על-איסלאמן, בודדיסטישע דאלאי-לאמן און

אסאך אנדערע. ס'קומט אויס אזוי: זיי אליין טרינקן וויין, און אייך הייסן זיי טרינקן וואסער... עפשער ניט אזוי".

— „ווארט קאוואון", האט זיך ארייננעמישט דער שוועד פעטערסען: אין דעם דאזיקן איניען איז סמירנאוו גאנץ גערעכט. אין אייראפא הייסן טאמיד די גייסטליכע אויך פאלגן די בעאמטען און דער מאכט, ווי ס'האט שוין לאנג געלערנט דער אפאסטאל פאול. נאר ניט פון דעם האבן מיר אנגעהויבן רעדן. ווער זיינען די גאלאכים? גאלאכים זיינען מענשן, וואס האבן ליב סיי געלט' סיי א גוט לעבן. מיר אבער רעדן פון דער עמונע אליין. זאג, סמירנאוו, מיט וואס איז שלעכט די קריסטליכע עמונע?

— „און מיט וואס איז זי גוט? קוירעם קאל, די לערע פון געדולד, ווי קאוואון און די אליין, האסט נאר וואס געזאגט, האבן די גאלאכים נישט אויסגעזויגן פון פינגער, זי איז פאראן אין די קריסטליכע הייליקע שריפטן. נעם, למאשל, די גאנצע דראשע אפן בארג. וואס לערנט זי דארט? אז מ'וועט דיר געבן א פאטש אין איין באק, שטעל אונטער די אנדערע. אז עמיצער וועט וועלן צונעמען בא דיר דיין אויבערשטן בעגעד, גיב אים אפ אויך דיין העמד. פאלגט פינקטליך די דאזיקע אייצעס, ווען איר האט צוטאן מיט די באלעבאטים, און איר וועט טאקע בלייבן נאקעט צעשלאגענע ביז צום טויט. דער נאך, וויפל נארישקייטן ווערט דערציילט אין דער יעוואנגעליע וועגן דעם לעבן פון יעזוס און וועגן זיין טויט. ראזענבערג האט אנגעהויבן און ניט געענדיקט. איך וואלט נאך געזאגט א פאר ווערטער, נאר ס'איז שוין עפשער שפעט".

— „נו, איצט וועל איך קיין סאך ניט רעדן, איך וועל אייך נאר זאגן וועגן אייניקע מעשיינידיקע זאכן, פון וועלכע די גייסטליכע דערציילן ניט די גלויביקע. לאמיר נעמען אפילו אזא זאך, לויט דער יעוואנגעליע איז יעזוס געבוירן געווארן אין נאזארעט

אין פאלעסטינע איז אבער דעמאלט גאר ניט געווען אזא שטאט. קיין איין געלערנטער פון יענער צייט דערמאנט ניט דאס ווארט נאזארעט. אויך אין טאנאך רעדט זיך גארנישט וועגן נאזארעט. ווען יעזוס איז געשטארבן איז קלאמפערשט, געווען א ערדציטערניש אף דער גאנצער וועלט, און די זון איז פארפינסטערט געווארן. נאר אויך פון די דאזיקע זאכן, כוץ דער יעוואנגעליע דערציילט ניט קיין איין בוך פון יענע צייטן. דא מוז מען טראכטען איינס פון די בײדע: אדער די גאנצע וועלט מענשן זיינען געווארן טויב און בלינד אף עטליכע שא, אדער די יעוואנגעליסטן האבן אויסגעטראכט א מאיסעלע פאר קלייניקע קינדער און פאר גרויסע טיפשים. לאך ניט, אמאר, די ערדציטערניש בא דעם געבורט פון מאכאמער האט אויך קיינער ניט באמערקט. דעם שטערן פון יעזוס קריסטוס האבן אויך ניט געזעען ניט די כינעזישע, ניט די גריכישע ניט די עגיפטישע געלערנטע, זיי האבן באאבאכטעט דעם הימל מיט גרויס אויפמערקזאמקייט און האבן פינקטליך פארשריבן יעדע מערקווירדיקע זאך, וואס זיי האבן געזעען. נאר זיי האבן אויך ניט געזעען קיין שטערן, ווען ס׳איז געבוירן געווארן דער אינדישער קרישנא. באזונדערס אינטערעסאנט איז דאס, וואס קיין איינער פון די אייראפעאישע אדער געצענדינערישע שרייבער, וואס האבן געלעבט אין יענער צייט, ווען אף דער ערד איז קלאמפערשט געווען גאטס-זון, האבן גאר ניט באמערקט, ניט אים אליין ניט זיינע מויפסים. איצט איז די וויסנשאפט געקומען דערצו, אז ס׳איז מעגליך, אז יעזוס קריסטוס איז גאר אינגאנצן אויף דער וועלט ניט געווען...

—„דו מאכסט פון זיי א גוטן טעל, סמירנאוו“, האט ראזענבערג איינגעשטימט: „מיר אידן, האבן שוין לאנג געזאגט, אז דאס קריסטנטום פלוידערט נארישקייטן“.

— „שטיי, כאוועַר ראזענבערג, פריי זיך ניט צופיל, אלע עמונעס פלוידערן נארישקייטן, סיי די אידישע סיי די מוסלמאַנישע, דער בודדיזם, דער אינדואיזם, פערסיזם און א. וו. און א. וו.

—„די אידישע הייליקע ביכער פלוידערן בא דיר נארישקייטן? נו, דא האסטו שוין איבערגעכאפט די מאס. זיי אביסל איינגע האלטענער".

— „גוט גוט הער אויס וועגן דער אידישער עמונע, כאטש איך וויל שוין אליין שלאפן. מארגן, ווען ס'וועט נאר ליכטיק ווערן, מוז איך זיך שטעלן צו דער ארבעט, און מ'וואלט געדארפט א פאר שא א שלאף טאן. נו, אין חומעש ווערט דען ניט דערציילט, ווי גאט איז געקומען צו אווראמען און האט געגעסן בא אים ברויט, פוטער, מילך און א לעמעלע. (בראשית, קאפיטל 18). קימט אויס, אז גאט האט א מאגען און קישקעס, אזוי ווי דו, ראזענבערג. נאר אויב גאט עסט און פאַרדייעט דאס עסן, דארף ער דאך, מיסטאם, האבן אביסאקיסע אויך. נאכדעם איז אויך אינטערעסאנט, ווי יאנקעוו האט זיך געראנגלט מיט גאט (בראשית, קאפיטל 32). ס'ווייזט אויס, אז גאט איז ניט שטארק אלמעכטיק, ווען ער האט ניט געקענט בייקומען יאנקעוון וואס האט מוירע געהאט, לעמאשל, פאר זיין ברודער אייסאוו. אויב ניט גאט, זיינען די מאלאכים פינקט אין גאנצן' ווי מאנסבילן. אין דער טוירע שטייט געשריבן, אז אין דער צייט, וואס איז געווען פארן מאבל, האבן זיי אראפגענידערט אף דער ערד, האבן כאסענע געהאט מיט די מענשליכע טעכטער, און האבן געהאט פון זיי קינדער (בראשית, קאפיטל 6). גלויב מיר, ראזענבערג, אז די נארישקייטן פון דעם קריסטנטום זייגען איין גוף און איין נשאמע פון די נארישקייטן פון דער אידישער עמונע...

— „כא-כא-כא", איז זיך פארגאנגען פאר געלעכטער קאוואַון, נו, ראזענבערג, האסט זיך אריינגעכאפט. און דו, סמירנאוו, האסט

טאקי יעֶדן אפּגעגעֶבן זיינס. נאר מ׳וואלט געדארפט מיט דיר נאך איבּארשמועסן מ׳קויאך דעם. זאל זיין, אז אלע אמונעס זיינען ניט ריכטיק. אבער ס׳איז דא א גאט אף דעֶר וועלט, וואס האט די וועלט באשאפן און פירט דאס גאנצע רעדל?



גאָט איזגעקומע   צו אווראָמען און האָט געגעסן באַ אים ברויט, פּיטער, מילך און א לעמעלע.

— „ניין, ברידערלאך, אף היינט איז גענוג. נאר קעדייִ דיר, קאוואון, זאל זיין זים צי שלאפן, וועל איך דיר זאגן, אז די ווינסנשאפט לייקנט איצט אין גאט נאר פאר וואס וועלן מיר

רעדן א אנדערסמאל. דערווייל א גוטע נאכט אייך אלע. א ראנק באר דער קאמפאניע...

סמירנאוו האט גענומען דעם זעקל מיט די אינסטרומענטן, איז ארויס געגאנגען פונם טראקטיר און האט אנגעהויבן שפאנען צו זיך אהיים. באלד נאך אים זיינען זיך צוגאנגען אויך די איבריקע באוויירים. דער טראקטיר איז אבער נישט געשטאנען ליידיק. ס'איז געקומען א נייע כעוורע בארג-ארבעטער, מ'האט ווידער געהוליעט, און דער גראבער דושים האט אנגעלעבט א שיין ביסל דאלארן...